# מה נשתנה?

## חתימות, אפגעקויפטע צייטונגען, פאשקעווילן, ס'וועט אייך גארנישט העלפען!

למעשה האט איהר נאך אלץ נישט פארענפערט די גרויסע קשיא

## מה נשתנה בארא פארק מירושלים?

פארוואס איז פארענדערט די הלכה פאר תושבי בארא פארק, פון תושבי עיה"ק ירושלים ת"ו?
דארט איז היינט אויך דא בלע"ה איבער 600,000 איינוואוינער,
און דער הארטיגער חשוב'ער ציבור, חסידים ופרושים, פון אלע קרייזן
(חוץ בריסק, וואס גיין נישט מיט א טלית קטן אין שבת) טראגען אלע מיט'ן דארטיגען עירוב!

## מה נשתנה בארא פארק מעיר התורה בני ברק יצ"ו

בארא פארק איז א חלק פון גרויסן ברוקלין, פונקט ווי בני ברק איז א חלק פון גרויסן "גוש דן".
בני ברק - רמת גן - גבעתיים - נחלת יצחק - תל אביב - יפו - בת ים - חולון.
אין "גוש דן" וואוינען איבער 2 מיליאן אידן.
פארוואס מעגן דארטן טראגען חסידים ובני תורה מסלתה ומשמנה, און מיר זאלן נישט טארן?
האבן דען זיי אן אנדערע תורה ח"ו פון אונז? איז דען מצות עירוב פון די מצוות התלויות בארץ?
זענען דען די דארטיגע גדולים און צדיקים, ראשי אבות בתי הדינים,
ווינציגער תורה-אויטאריטעטן פון די היגע ליסטע פלעטבושער חותמים?

אין זייער נייע דעקלעראציע פון ר"ח סיון תש"ס, שטייט:
"לא יועילו <u>שום תיקונים</u> להתיר לטלטל בשום שכונה בברוקלין"
נישט קיין צורת הפתח! נישט קיין מחיצות! און אפילו נישט קיין דלתות!
שום תיקונים! איהר הערט א מעשה?
דערמיט, האבן זיי דערקלערט אן אפענע מלחמה קעגן דעם שולחן ערוך!

ביי אונז, אבער, איז מסכתא "עירובין" פונקט אזוי הייליג ווי "נשים ונזיקין"!
אונזערע חשוב'ע בארא פארק'ע מורי הוראות דארפן נישט ביי אייך גיין אויף שימוש!
זיי פסק'ענען נישט גראד פון משנה ברורה, זיי האבן דורך געלערנט דעם טור ושו"ע,
דעם מגן אברהם מיטן ט"ז מיט יעדן ס"ק און פרי מגדים.

זייט'זשע אלע מוחל, אבער "כח ההוראה" פון איסור והיתר, דארפן זיי ביי אייך נישט בארגן.
מורי הוראה'ס איז אלע מאל געווען מער און גרעסער ביי חסידים, כידוע.

ווי שעהמט איר אייך נישט אזוי מזלזל צו זיין אין הגה"ק בעל החזון איש זצוק"ל, וואס כידוע האט ער געהארעוועט אויף הלכות עירובין במשך כמה וכמה שנים. ווייסט איר דען נישט, אז דער חזו"א האט גע'פסק'ענט ווי דער "בית אפרים" און נישט ווי דער "משכנות יעקב" (וואס <u>איז</u> מחולק געווען אויפן מג"א מיטן ט"ז). דער פאקט וואס אלע טראגן היינט אין עיה"ק ירושלים ת"ו, איז געבויט אויפן פסק פון הייליגן חזו"א זצוק"ל, אז מיר האבן היינט <u>נישט</u> קיין רשות הרבים, אפילו ווען ס'געפונען זיך מער פון ס' ריבוא איינוואוינער! אויב דער פסק פון חזו"א איז גענוג פאר סלתה ושמנה פון ירושלים'ער אידענטום, איז ער גענוג פאר אונז בארא פארק'ער אידן אויך! ובפרט אז צו אזוינער צד האבן מיר נאך פיעל היבשע אנדערע פוסקים, און קיינער האט נישט בכח אונז צו צוואונגען אנצונעמען א "דעת יחיד" קעגן א רבים.

איז וואס האקט איר אין טשייניק אריין, מיט אייערע חתימות "איסור מאה - אמעריקאנע - רבנים"?

אויב אייער ציל איז, טאקע, מ'זאל אונז רופן מחללי שבתות,
וועלן מיר געצוואונגען זיין אייך צו רופן מיט די פאסיגע הגדרה: "צדוקים",

## ולא יועילו שום תיקונים!